# פרשת וישלח י' - ט"ז כסלו תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ט סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ויצא** יעקב מבאר שבע וילך חרנה (בראשית כח-י). די מפרשים שטעלן זיך, אז עס איז א אריכת הלשון. ער איז ארויס פון באר שבע, און ער איז געגאנגען אויף חרן. אדער זאל שטיין ויצא יעקב מבאר שבע חרנה, אדער וילך יעקב מבאר שבע חרנה. וואס איז דער 'ויצא' מבאר שבע 'וילך' חרנה.

**דער חתם סופר** שרייבט (**בתורת משה** פ' לך מא:, ובפ' וישלח קל:), אז ווען א מענטש גייט אוועק פון איין פלאץ אויף א אנדערן פלאץ, שטייט אלץ די לשון לקחו בדברים. ויקח ה' אלקים את האדם (בראשית ב-טו), זאגט רש"י, לקחו בדברים, ער האט אים גענומען מיט ווערטער. מען האט אים מסביר געווען אז ער זאל קומען. זאגט דער חתם סופר, ווייל א מענטש איז נישט דער גוף, דער גוף איז נאר דער האלטער פונעם מענטש. דער מענטש איז די נשמה וואס ער האט, זיין נפש דאס איז דער עיקר, הנשמה שבמוחי. אז מען נעמט א מענטש, און מען טראגט אים פון איין פלאץ צו א אנדערע פלאץ, וואו ער האלט נישט ביים גיין, האסטו נישט גענומען דעם מענטש. דו האסט גענומען זיין גוף, זיין האלטער האסטו גענומען, אבער נישט אים אליין. אז דו ווילסט נעמען דעם מענטש, דארפסטו אים איבערצייגען אז ער זאל וועלן מיטגיין מיט דיר, און ער זאל גיין מיט זיין רצון, דעמאלטס האסטו גענומען דעם מענטש. אוועקצוגיין פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, איז נאר אז מען גייט אוועק מיטן רצון.

**די** הלכה איז ביי יום טוב שני, אז ווען מען גייט אוועק פון איין פלאץ אויף א אנדערן פלאץ, איז נישט דער חילוק צו דו ביסט אין ארץ ישראל צו דו ביסט אין חוץ לארץ, נאר וואו עס איז דעתו. אויב עס איז דעתו לחזור, האט ער דעם דין פון יענעם פלאץ, און אז עס איז נישט דעתו לחזור אויף דעם פלאץ, האט ער די הלכה פון דא (עיין **שו"ע** או"ח תצו-ג). די תורה זאגט, ויצא יעקב מבאר שבע, יעקב איז ארויסגעגאנגען פון באר שבע. יעקב לאזט איבער ארץ ישראל און ער גייט אויף חוץ לארץ? דאס איז ויצא?! יעקב גייט אוועק, און ער לאזט איבער ארץ ישראל, און ער איז מסיח דעת פון ארץ ישראל?! דו קענסט זאגען, אז זיין גוף איז אוועקגעגאנגען, אבער די מחשבה פון יעקב איז דאך לכאורה געבליבן אין באר שבע. וואס איז דער ויצא יעקב מבאר שבע, וילך חרנה.

**מען** געפונט ביי יוסף, ווען ער איז געווען אין מצרים, האט ער געהאט צוויי קינדער, מנשה מיט אפרים. מנשה האט ער א נאמען געגעבן, כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי (בראשית מא-נא). דער באשעפער האט מיר געמאכט פארגעסן מיין פלאג און מיין טאטע'נס שטוב. וואס איז דער הסבר. איז דען אזא גרויסע גליק, אז ער האט פארגעסן דעם טאטענס שטוב? און ער גיט א נאמען זיין קינד מנשה, ווייל ער האט פארגעסן דעם טאטע'נס שטוב?! קען מען דען פארגעסן א שטוב פון יעקב אבינו.

**נאר** דער פשט דערפון איז, א מוסר השכל. עס איז דא אמאל א מענטש וואס גייט אדורך א שווערן זמן אין זיין לעבן, איינער האט אים געטון א עוולה, און ער איז שטענדיג פארנומען, אז ווען נישט די עוולה וואס יענער האט מיר געטון, וואלט איך דאך געקענט אזוי מצליח זיין, עס וואלט געקענט ארויסקומען אזוי פיל גוטס, אלעס איז שולדיג דער וואס האט מיך צוגעברענגט דערצו. ער הייבט אן, מיט וואו ער איז געבוירן געווארן. ווען איך ווער נישט געבוירן אין די שטוב, וואלט דאך מיין גאנצע אויסזעהן געווען אנדערש. איך בין געבוירן געווארן אין א ארימע שטוב, אין א פשוטע שטוב, ווען איך וואלט געבוירן געווארן אין א נגידישע שטוב, וואלט מיין שידוך געווען אנדערש, און אלעס וואלט זיך אויסגעשטעלט אנדערש. אלץ בלעים"ט ער, אז עס איז דא א זאך וואס האט אים צוגעברענגט זיינע פראבלעמען.

**ער** האט געטון א שידוך, ווען איך וואלט ווען געטון א אנדערן שידוך, וואלט געווען ביי מיר אנדערש. אבער איך האב דאך געטון דעם שידוך, ממילא דאס

האט צוגעברענגט וואס עס איז געווארן. - מיין דזשאב וואס איך האב, ווען מיין בעל הבית וואלט מיך אנדערש געט'טרי"ט, און עס וואלט געווען אזוי און אזוי, וואלט איך דאך געקענט מצליח זיין. ווייל ער האט מיך אונטערגעהאקט די פוס, וועגן דעם האב איך נישט מצליח געווען שפעטער. מען איז אלץ פארנומען מיט די אנהייב פון א זאך, און עס שטערט נאכדעם די רואיגקייט, וואס דער מענטש דארף האבן אין שמחת החיים.

**יוסף** הצדיק איז דאך אראפגעגאנגען מאיגרא רמא לבירא עמיקתא, ער איז געווען דאס באליבסטע קינד ביי יעקב אבינו אין שטוב, א בחור'ל פון זיבעצן יאר אלט, יעקב האט אים איבערגעגעבן כל מה שלמד משם ועבר. און פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט זענען געקומען די ברודערס און אים אנגעכאפט און פארקויפט קיין מצרים, וואו א עבד קען נישט בורח זיין פון מצרים. עס איז אפגעזיגעלט געווארן זיין לעבן, צו זיין אין מצרים אליין. און וואו קומט ער אן אין מצרים, ער קומט אן צו פוטיפר אין שטוב, מיט די נסיונות וואס ער האט געהאט דארט, מען זעצט אים נאכדעם אריין אין תפיסה אויף צוועלף יאר. ער וואלט געדארפט פארלירן זיין מאראל, זיין מוט, פון די איבערגאנג וואס ער איז אדורכגעגאנגען. אלעס זענען די ברודערס שולדיג, זיי האבן מיך אהערגעברענגט, עס וואלט אים געפעלט זיין שמחת החיים די גאנצע צייט וואס ער איז אין מצרים.

**און** עס איז נישט אזוי געווען, ווייל מען זעהט דאך אז ויהי ה' את יוסף (בראשית לט-ב), און אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה (שבת ל:). יוסף האט געבעטן פונעם אייבערשטען, איך וויל פארגעסן וואס איך האב געהאט ביז יעצט. כאילו איך בין געבוירן געווארן אין מצרים, איך האב גארנישט געהאט צוטון מיט א יעקב, איך קען נישט מיינע ברודערס, איך קען נישט ארץ ישראל, איך קען גארנישט, כאילו איך בין געבוירן געווארן דא. דא הייב איך אן מיין לעבן, איך דארף זיך צושטעלן, דאס איז מיין מצב, איך דארף דינען דעם אייבערשטען וואו מען האט מיך געשטעלט, און אזוי גיי איך דינען דעם באשעפער ווייטער.

**ווען** ער וואלט נישט מסיח דעת געווען פון וואס עס טוט זיך ביים טאטען אין שטוב, וואלט ער דאך אלץ ארומגעגאנגען אין שטוב, יעצט איז פסח ביים סדר, וואס טוט זיך יעצט ביים טאטע יעקב, ער זיצט ביים סדר מיט די ברודערס, און איך זיץ דא אין תפיסה. ווי אזוי קוקט אויס א שבת, א יום טוב. האט ער געדאנקט דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געגעבן דעם כח, כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי, ער האט מיר געמאכט פארגעסן, איך האב מסיח דעת געווען פון בית אבי, איך וויל נישט לעבן מיטן עבר. איך האב נישט געהאט א יעקב, איך האב נישט קיין ברודער, א שוועסטער. דא בין איך, און דא דארף איך דינען דעם אייבערשטען. ווען עס וואלט אים געפעלט דאס, וואלט ער נישט געהאט די כוחות ער זאל קענען אנגיין מיט א שמחה שפעטער.

**די** זעלבע איז געווען ביי יעקב אבינו. זיבעציג יאר זיצט ער אין בית המדרש און ער לערנט, און יעצט הייבט ער זיך אויף, און ער גייט צו לבן אין שטוב, עשו פארטרייבט אים פון וואוינען דארט. ווען ער זאל שטענדיג מיטלעבן מיט זיין עבר, וואלט ער זיך נישט געקענט בארואיגן, ער וואלט שטענדיג געווען אויפגערעגט אויף דעם עשו, און אויף דעם מצב וואו ער איז, אז ער געפונט זיך אין לבן'ס שטוב, און ער וואלט געקענט זיצן ביי זיין טאטען יצחק. ויצא יעקב מבאר שבע, יעקב האט מסיח דעת געווען, ער איז אינגאנצן ארויסגעגאנגען פון באר שבע. פון הימל האט מען צוגעפירט אז איך דארף יעצט גיין צו לבן אין שטוב, איך פארגעס פון אלעם וואס איז געווען, איך פארגעס פון שם ועבר, איך פארגעס פון טאטע'נס שטוב.

**ויצא** יעקב מבאר שבע, אז יעקב איז אוועק פון באר שבע, וילך חרנה, איז אים די חרון אף אויך אוועקגעגאנגען. די חרון אף איז דאך נאר ווייל מען איז פארנומען מיט ווער עס האט מיר אנגעשטעלט די אלע זאכען. אבער ווען א מענטש איז מחליט אז עס האט גארנישט צו טון מיט וואס עס איז געווען, ער דארף דאנקן דעם אייבערשטען אויף דעם פלאץ וואו מען האט אים געשטעלט, דא דארף איך דינען דעם אייבערשטען, דעמאלטס איז וילך חרנה, גייט אוועק דער חרון אף. און דאס איז געווען ביי יעקב אבינו, ער איז געבליבן מיט זיין קדושה ביי לבן אין שטוב, און ער האט זוכה געווען צו די מראות אלקים. ווען עס פעלט אים שמחה, וואלט ער נישט

געקענט זוכה זיין דערצו. דורך די שמחה וואס ער האט געהאט, דאס האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט געקענט זיין דבוק אינעם אייבערשטען די גאנצע צייט.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מייזעלס שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר מרדכי זלמן מייזעלס הי"ו, בת הר"ר **חיים צבי גאלד** הי"ו).

*

***יום שני פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **זלמן לייב פאגעל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קארוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב נערכה החתונה הגדולה של נכדת **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, בת חדב"ן **הרה"ג רבי יואל וויסמאנדל שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א), עב"ג החתן המופלג בתוי"ש הרב **משה יעקב** שליט"א, בן **הרה"ג רבי ישראל פינטער שליט"א** (בן הגה"צ רבי אברהם פינטער זצ"ל אב"ד בוקאוויסק (לאנדאן), חתן הגה"צ רבי יחיאל גרינוואלד זצ"ל אב"ד טעטש), שהתקיים באולם עטרת טשארנא.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי וקיבל קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בזכרון קודש בעידן חדוותא, בחדרו בבית מדרשנו תפארת יהושע.

בשעה שבע לפנות ערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים שליט"א להקבלת פנים שנערכה במעמד רבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימו בניגוני התעוררות. - אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה נשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן על ידי הר"ר **בערל ראזענפעלד** הי"ו בהתעוררות רב, לעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם. אחר הקבלת פנים הלך **רבינו שליט"א** עם החתן לבאדעקן. - אחר לבישת הקיטל ושימת האפר על ראש החתן, בירך **רבינו שליט"א** את החתן בשימת ידיו על ראשו כנהוג.

מעמד החופה התקיימה ברגשי קודש. אחר שניגנו ניגוני התעוררות עתיקים, נתכבד **כ"ק רבינו שליט"א** בסידור קידושין. בקריאת הכתובה נתכבד **הרה"ג רבי יחזקאל שרגא דייטש שליט"א** אב"ד מקור חיים. בברכות הראשונות נתכבדו קרובי המשפחה. בברכה אחריתא נתכבד סב הכלה **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**.

עם סיום החופה בירך **רבינו שליט"א** את כל הנאספים בברכת הקודש. וזאת הברכה אשר ברך אותם **רבינו שליט"א:** מזל טוב, מזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין שמחות אין ענקערע שטובער, און ביים גאנצן כלל ישראל. מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני רויחי. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבכם לטובה, עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן. - ויצאו כל הקהל בריקוד בשירה וזמרה.

אחר החופה התפלל **רבינו שליט"א** תפלת ערבית בחדר שעל יד האולם, והסיב למסיבת לחיים יחד עם בני המשפחה, ושח למשך זמן אודות תענית ביום החופה, ובענין קבלת תענית על תנאי, ואודות **הרה"ק מריבניץ** זצ"ל ועוד. – לשם גם הגיע **כ"ק הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א** לאחל ברכת מזל טוב.

כשעה אחר החופה הופיע **כ"ק רבינו שליט"א** בהדרת קדשו לאולם החתונה. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים, ונטל ידיו לסעודת החתונה.

במשך החתונה הגיעו אדמורי"ם ורבנים שליט"א להשתתף בשמחה הגדולה, ומאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה עברו לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א.

מה נהדר היה המראה בעת שירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, וערך ריקודין נלהבים עם החתן והמחותנים שליט"א ויוצ"ח, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** כאשר קהל אנשי שלומינו בהמוניהם מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות, שנמשך למשך שעה ארוכה.

אחר אמירת השבע ברכות פתח הר"ר **אלעזר קליין** הי"ו בדברי חרוזים, וקרא את סב הכלה **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א** לרקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ, ובחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות אבותיו הק' שעל ידם יושפע ישועות בכלל ובפרט. – אחר שתיית לחיים, ירד **רבינו שליט"א** לרחבת האולם למצוה טאנץ, בעת שקהל הקודש משוררים ברגש התנועה של 'היה עם פיפיות'.

מילים לא יוכלו לתאר רוממות הנפשות, בעת שרקד **רבינו שליט"א** ה'מצוה טאנץ' לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לרנן לקל חי. אחר הריקודין לפני הכלה, יצא **רבינו שליט"א** בריקוד עם החתן שליט"א, ועם בניו שליט"א לפני הכלה, ובהמשך גם בריקוד מיוחד 'זרעא חיא וקיימא' עם כל נכדיו, בעוד שבין הפרקים ממשיך בריקודין במחול סביבות חלל ההיכל בדביקות עילאה ובלהט אש, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ של קרובי המשפחה והמחותנים שליט"א. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעות לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***<u>יום שלישי פרשת וישלח</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יונה** (ב"ר ראובן) **לעפקאוויטש** הי"ו

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הרה"ג רבי עקיבא לודמיר שליט"א** רב דקהל חשב סופר פרעשבורג, לרגל נישואי בנו החתן בשעטומ"צ.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ר' יוסף (באדאנסקי) האט געמאכט זייער א שיינע ארבעט אינעם גליון (שי"ל לרגל השמחה ע"י קהל פרעשבורג).

עס איז א פלא דארט צוויי זאכען. דאס אז דער **חתם סופר** האט זיך אונטערגעשריבן אלץ א עד אויף א כתובה, נאר זיין נאמען, משה הקטן סופר, נישט 'בן', און נישט 'עד'.

**אב"ד פרעשבורג:** ער האט געשריבן דעם גאנצן כתובה, איך האב א קאפי פון די כתובה.

**רבינו:** אמאל איז נישט געווען געדרוקטע כתובות, אלעס האט מען געשריבן. - עס איז אינטערעסאנט אז מען האט גענומען דעם רב פאר א עד.

**אב"ד פרעשבורג:** עד נעשה דיין...

**רבינו:** דיין נעשה עד... די צווייטע זאך שרייבן זיי דארט, [עס איז א סימן אז איך האב אריינגעקוקט], אז ווען דער **דעת סופר** איז געקומען זאגען דעם שיעור, זענען די בחורים געשטאנען אין צוויי רייעס ווען ער איז אריינגעקומען, און מען האט געזאגט, יחי אדוננו מורינו ורבינו.

**אב"ד פרעשבורג:** יעדן טאג.

**רבינו:** און וואס איז געווען פאר דעם, ביים **שבט סופר**? ער האט עס אליין מחדש געווען?

**אב"ד פרעשבורג:** מן הסתם איז אזוי געווען.

**רבינו:** יא. אבער עס איז אינטערעסאנט צו וויסן ווען דאס האט זיך אנגעהויבן, און צו עס האט א מסורה פון פריער אויך.

**אב"ד פרעשבורג:** די קאלפיק ביים שיעור איז אויך געווען מן הסתם דארט א מנהג.

**רבינו:** די קאלפיק קען זיין פונעם **חתם סופר** שוין.

**אב"ד פרעשבורג:** איך האב דערמאנט ביי די שמחה, אז שלמה המלך זאגט אין קהלת (ג-א) אז עס איז דא כ"ח עתים, עת לבנות, עת לבכות. ווען מען גייט בויען א יודישע שטוב, דארף מען לאזען טרערן. איך האב אמאל געהערט פון **רבי שמואל אונסדארפער זצ"ל**, האט ער מדייק געווען, אז מען זאגט (תהלים קטז-ח) כי חלצת נפשי ממות, את עיני מן דמעה, את רגלי מדחי, פארוואס נאר ביי די עיני, שטייט 'מן' דמעה. נפשי ממות, את עיני 'מדמעה', את רגלי מדחי. וואס איז דער 'מן'. האט ער געזאגט, 'מות' איז נישט דא קיין גוטע מות, 'דחי' איז נישט דא קיין גוטע דחי, בעהט מען כי חלצת נפשי ממות. אבער דמעה איז דא דמעות פון שמחה, בעהט מען את עיני 'מן' דמעה, נאר פון אזא סארט דמעה וואס איז נישט גוט.

היינט ביינאכט איז דער יארצייט פון **רבי ישראל טשארטקוב'ער זצ"ל**, וואס איז געווען אין ווין. מיין טאטע איז געווען שטארק אדוק אין טשארטקוב. ער פלעגט אלעמאל נאכזאגן, אז דער טשארטקוב'ער

האט געזאגט, אז כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד (ברכות ד.), און בשעת עס איז געקומען א רוח צפונית איז ער אויפגעשטאנען. האט ער געזאגט, ביי דוד המלך זעהט מען צוויי סארט עבודת ה'. שמחה, מזמור לדוד, אלעס איז געווען מיט שירה וזמרה, בכינור ונבל. און עס איז געווען א עבודה פון דמעות אויך, בדמעתי ערשי אמסה (תהלים ו-ז). 'ערשי' מיינט די בעט, מיט מיינע טרערן האב איך נאס געמאכט מיין בעט. וועלכע עבודה איז חשוב'ער, מיט דמעות אדער מיט שמחה. כינור היה תלוי 'למעלה' ממטתו של דוד, די עבודה פון שמחה איז געווען למעלה פון די דמעות במטתו. אבער אין שמחה אליין קען אויך זיין דמעות.

**רבינו:** דער בדחן האט געזאגט נעכטן ביי די חתונה, אז עס איז געווען אמאל א עם הארץ, און ער האט געהאט א געלונגענעם זון, א תלמיד חכם. און מען האט אים געפרעגט, פון וואו האסטו זוכה געווען דערצו. האט ער געזאגט, מיין ווייב'ס טרערן, און מיינע פעולות. האט מען אים געפרעגט, וואס זענען געווען דיינע פעולות. האט ער געזאגט, איך האב איר געמאכט וויינען... את עיני מן דמעה...

**אב"ד פרעשבורג:** די וואך (ט"ו כסלו) איז די יארצייט פונעם שבט סופר. דער **שבט סופר** זאגט, אז עס שטייט די וואך, אז די בני יעקב זענען געקומען על העיר בטח (בראשית לד-כה). זאגט רש"י, בטוחים אין זכות פון אברהם אבינו, וואס האט מתפלל געווען אויף זיי (עיין רש"י שם יב-ו). דער שבט סופר טייטשט מיט דעם, דעם פסוק וואס מען זאגט אין תהלים (כב-ה), בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטימו, ער חזר'ט איבער, ער וואלט געדארפט זאגען, בך בטחו אבותינו ותפלטימו, וואס איז דער 'בטחו' ותפלטימו. זאגט ער, אין בטחון איז דא פארשידענע מדריגות. עס איז דא בטחון, אז דער אייבערשטער וועט העלפן. און דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן. - מיין טאטע פלעגט מיר אלעמאל נעמען צום ציון פונעם ליובאוויטשער רבי, ער איז געווען זייער נאנט מיטן ליובאוויטשער רבי. און נעבן דעם אהל איז דא דער ציון פון ר' שמואל דוד רייטשיק, ער איז געווען א שליח פון רבי'ן, א משפיע נאך אינדערהיים, און דא איז ער געווען אין לאס אנדזשעלעס. איז דארט אויף די מצבה שטייט, 'היה רגיל על לשונו, דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן'. פלעגט מיין טאטע זאגען, אז עס איז א חילוק. עס איז דא, דער אייבערשטער וועט העלפן, און עס איז דא, דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן. עס איז א אנדערע סארט בטחון. - זאגט דער שבט סופר, דאס זאגט דוד המלך, בך בטחו אבותינו, אזא מין בטחון, וואס בטחו ותפלטימו, אז דער אייבערשטער האט שוין אוודאי געהאלפן.

**ונסוב השיחה אודות נישואי הבנים**

**רבינו:** בן שמונה עשרה לחופה.

**אב"ד פרעשבורג:** די ישיבות היינט זענען נישט אלע מסכים מיט דעם. אבער אזוי שטייט.

**רבינו:** על כל פנים, פארענען זיך, הייבט מען שוין אן פאר דעם.

**אב"ד פרעשבורג:** העלפט דען דאס זיך פארענען?

**רבינו:** אבער א מענטש דארף טון וואס עס איז בידו, און דאס איבריגע השלך על ה' יהבך.

**הר"ר יוסף באדאנסקי:** רבי שמואל דישון איז געווען נעכטען אויף שבע ברכות דא אין בית המדרש, האט ער ארויסגעברענגט, ווי אלט יעקב איז געווען בשעת ער האט געטראפן רחל. יעקב איז געווען זיבן און זיבעציג יאר, און רחל איז געווען פינף יאר אלט. נאכדעם האב איך אים געזאגט, אז איך האב געהערט פונעם רב, וועגן דינה. אז יעקב איז באשטראפט געווארן, ווייל ער האט איר באהאלטן אין א קאסטן, ווען עשו איז געקומען. און דער רב האט אויסגערעכנט, ווי אלט עשו איז געווען בשעת עס איז געווען די מעשה מיט דינה. עשו איז געווען זיבן און ניינציג. (עיין בגליונינו פרשת לך לך תשע"ח לפ"ק).

**רבינו:** ווען יעקב איז אנגעקומען צו לבן, איז ער געווען זיבן און זיבעציג, ווען ער איז אוועקגעגאנגען נאכדעם וואס די קינדער זענען אים געבוירן, איז געווען צוואנציג יאר שפעטער, האלט מען ביי זיבן און ניינציג. און דינה איז געווען פון די לעצטע קינדער. ווען יוסף איז געבוירן געווארן, דעמאלטס איז דינה געבוירן געווארן. רעדט מען אז עשו איז אלט געווען זיבן און ניינציג יאר, און דינה איז געווען צוויי דריי יאר. און רש"י (בראשית לב-כג) זאגט, אז זי וואלט אים געקענט מחזיר למוטב זיין. א צוויי יעריגע מיידל, מיט א זיבן און ניינציג יעריגע עשו. – און ביי לאה שטייט פארקערט, ועיני לאה רכות (שם כט-יז), ווייל זי האט אויך נישט געוואלט צוקומען צו עשו (ב"ר ע-טז)[א].

[א] נעתיק בזה דברי **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר תשס"ט לפ"ק: מצינו ביעקב אבינו, בשעה שהוצרך להתראות עם עשו אחיו, לקח את דינה ונתנה בתיבה ונעל בפניה, שלא יתן בה עשו עיניו. ונענש יעקב

**אב"ד פרעשבורג:** הרב דישון האט געזאגט א מורא'דיגע געדאנק. יעקב איז געווען ביי שם ועבר פערצן יאר. ער האט דאך געהאט א טאטע יצחק אבינו וואס איז געווען א זקן ויושב בישיבה, פארוואס איז ער געגאנגען צו שם ועבר? האט ער געזאגט, אז יצחק אבינו איז געווען א עולה. יעקב אבינו האט אים דער טאטע געשיקט צו לבן'ס הויז, האט ער מורא געהאט פון אזא סביבה, ווי אזוי וועט ער קענען אויסוואקסען א ירא שמים. איז ער געגאנגען צו שם, וואס שם איז געווען אין די צייט פונעם מבול, שם איז געווען א גרויסער צדיק, ומלכי צדק (שם יד-יח), ווי אזוי ביסטו געבליבן אינעם דור המבול צווישן אזא סביבה. און עבר איז געווען אינעם דור הפלגה, איז ער געגאנגען לערנען זיבן יאר ביי שם, און זיבן יאר ביי עבר, ווי אזוי מען קען לעבן מיט רשעים, דאס איז געווען די הכנה ווי אזוי מען קען גיין צו לבן. זאגט ער, היינט לערנט מען א יאר צוויי אין כולל, און נאכדעם גייט מען ארויס אויף די גאס, עס איז אסאך ערגער ווי ביי לבן.

**רבינו:** יעקב איז אוועק פון יצחק, און ער איז געגאנגען צו שם ועבר, מען מיינט אייביג אז אין דער פרעמד איז בעסער ווי ביים טאטען... יצחק איז נישט גוט, נאר שם ועבר וועט זיין גוט...

**הר"ר יוסף באדאנסקי:** איינער האט מיר געזאגט, אז ער האט געפרעגט דעם רב יארן צוריק, אז ער גייט צו א שיעור פון א רב, און ער גייט שוין א שעה פריער כאפן א פלאץ, און נאכדעם קומט אריין א עלטערער יוד, פינף צען מינוט אריין אינעם שיעור, צו דארף איך זיך אויפשטעלן פאר אים? איך בין געקומען א שעה צייט פריער, איך האב מיך געמוטשעט און געפלאגט פאר דעם פלאץ. ווייל ער איז עלטער, דארף איך אים איבערגעבן מיין פלאץ?! האט אים דער רב געזאגט, אמאל וואלט מען נישט געפרעגט אזא שאלה...

איך האב פונקט געהערט נעכטן, אז איינער האט געפרעגט פון **רבי חיים קניבסקי**, אז עס שטייט די קומענדיגע וואך אין די פרשה (בראשית לז-ד), ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו, וישנאו אותו, מען האט מקנא געווען יוסף. וואס האט יוסף געטון נישט ריכטיג. יוסף איז דען שולדיג אז דער טאטע האט אים געגעבן א כתונת פסים, און דער טאטע האט געלערנט מיט אים?! וואס ווילסטו פון יוסף? אז דו האסט טענות, איז די טענה אויף יעקב, נישט אויף יוסף. האט רבי חיים געזאגט, מען קען זעהן אז עס איז א היינטיגע שאלה. אמאל איז נישט איינגעפאלען פאר א קינד צו פרעגן א קשיא אויף א טאטע...

**רבינו:** די דורות רוקן זיך.

**הר"ר יוסף:** איך דערמאן מיך יעצט, איך האב אמאל געהערט פונעם רב [**רבינו:** ער געדענקט פון מיר, מער וויפיל איך וייס...], אז דער רב האט נאכגעזאגט פון **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל**, די חילוק צווישן די היינטיגע דורות און אמאל. אמאל איז יודישקייט געוואקסען שמאל און טיף, היינט איז עס ברייט און פלאטשיק.

**הרה"ג רבי יהושע שליט"א:** איך האב געזעהן אין די מעשיות וואס דער זיידע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**)

---

על זה שמנעה מאחיו, שמא תחזירנו למוטב, ונפלה ביד שכם (ב"ר עו-ט) ע"ש. והדבר לכשלעצמו הוא מוסר השכל, מה זיווגו של אדם גורם, ואיך יש לדקדק לישא אשה כשרה וצנועה, כי עשו הרשע היה אז כבר זקן בן מאה שנה, ודינה היתה אז קטנה, בת שש שנים (מסכת סופרים כא-ט), או בת שמונה שנים (מדרש שכל טוב בראשית לד-ג), ואם היה יעקב נותנה לעשו, שמא היה מחזירו למוטב.

אבל עצם הדבר קשה להבין, הרי מצינו, ועיני לאה רכות (בראשית כט-יז), וברש"י שהיתה סבורה לעלות בגורלו של עשו ובכתה (ב"ר ע-טז) ע"כ. הרי שהכתוב מזכירה לשבח שהיו מעשי עשו שנואין בעיניה, ולא נענשה, ולמה נענש יעקב שמנע את דינה. וכתוב **בשפתי חכמים** (שם לב-כג) בשם **נחלת יעקב**, כי אז באותו זמן אמר הכתוב, וירץ עשו לקראתו ויחבקהו ויפול על צואריו וישקהו ויבכו (לג-ד), וברש"י אמר רבי שמעון בן יוחאי הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב, אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו ע"כ. והיינו שכאשר ראה עשו את יעקב ברום קדושתו, והדורות הקדושים אשר העמיד שבטי יה, השיג אז גודל מעלתו של יעקב, ועוצם שפלות עצמו, והיה לו אז שעה של חרטה, ונתעורר לבו לנשק יעקב בכל לבו. ואם היה יעקב אוחז אותו אז ונותן לו את דינה בתו לאשה, יתכן שהיה מחזירו למוטב, ולכן נענש.

הרי לנו כי אפילו שעה קלה של רשע מרושע כעשו, שעוד במעי אמו היה מפרכס לצאת לפתחי עבודה זרה (רש"י כה-כב), וזה מאה שנה שעובר על כל עבירות שבתורה, מכל מקום שעה אחת של הרהור תשובה, אם היו אוחזין בו שלא להתכבות, היה משתנה לאיש אחר. - ומכל שכן בבני ישראל, אין לך אדם שאין לו שעה (אבות ד-ג), כל בעלי תשובה שחזרו מדרכם הרעה, נתהוה מדקה אחת טובה שהיה להם, שנתעוררו אז, והשפיע מהפכה בכל חייהם. והמרגיל עצמו לשמוע תמיד דברי תורה ודברי מוסר, אין ספק שיבוא שעה שיכנסו הדברים לתוך תוכו, ויתחדש כאדם אחר, ואוזן שומעת תוכחת חיים, סופו בקרב חכמים תלין. (נדפס **בשמן ראש** ח"ב דף נא).

האט אראפגעשריבן, אז רבי משה אריה פריינד פון סיגוט איז אמאל געווען ביים מיטעלן **בעלזער רב** אויף שבת. און ביים בעלזער רב ביים טיש פרייטאג צו נאכטס, האט מען זיך געשטופט, און תיכף נאכן דאווענען איז ער געגאנגען כאפן א פלאץ, ער זאל קענען זעהן. ווען עס איז געקומען גלייך פארן טיש, איז אנגעקומען איינע פון די יושבים, און ער האט אים געגעבן א כאפ אן, אז ער זאל אוועקגיין פון דא, עס איז זיין פלאץ. האט ער אים געזאגט, איך האב שוין קונה שביתה געווען דא גלייך נאך קבלת שבת. האט אים יענער געזאגט, אז ער האט שוין דא קונה שביתה געווען פאר שבת. האט אים רבי משה אריה געזאגט, אז דו האסט קונה שביתה געווען ערב שבת, קענסטו גיין צווי טויזנט אמה אויף יעדע זייט...

**רבינו:** על פי הלכה איז ער נישט מחוייב איבערצוגעבן זיין פלאץ. ער דארף זיך אויפשטעלן פאר יענעם, און זיך צוריק אראפזעצן. מען דארף יענעם מכבד זיין. עס שטייט נישט אין ערגעץ אז מען איז מחוייב אוועקצוגעבן זיין זאך, ווייל יענער איז עלטער. איך האב א פלאץ צו זיצן, איך בין נישט מחוייב עס אוועקצוגעבן פאר א צווייטן. דאס איז אויף די ביכער, אבער ווען מען רעדט מענטש'ליך...

- מען פרעגט די שאלה אויף די באסעס, ווען מען פארט פון בארא פארק אויף וויליאמסבורג, און עס קומט ארויף א עלטערער מענטש, בין איך מחוייב אוועקצוגעבן מיין פלאץ, און איך זאל בלייבן שטיין א גאנצע וועג?

**אב"ד פרעשבורג:** עס איז געווען א בדחן אין פרעשבורג, און דעמאלס האבן אנגעהויבן די באסעס צו גיין אין די גאסן, האט ער געזאגט, אז ער איז ארויפגעגאנגען אויף די באס, ער איז געווען א עלטערער מענטש, מיט א ווייסע קמץ בארד, און עס זיצט א יונגעמאן דארט אויפן באס. עס איז געווען א פולע באס, און דער עלטערער יוד איז געשטאנען, און דער יונגערמאן איז געזעסן, און ער האט געהאלטן די קאפ אזוי אין דערזייט. האט ער געפרעגט דעם יונגערמאן, איר זעהט עפעס שלעכט, איר פילט נישט גוט, אז איר האלט אזוי די קאפ. זאגט ער, יא, איך קען נישט זעהן ווי אזוי איר שטייט...

**הרה"ג רבי יהושע:** ער איז נישט מחוייב אוועקצוגעבן די געלט וואס ער האט באצאלט פאר זיין זיץ אויפן באס. זיין געלט דארף ער נישט אוועקגעבן יענעם מכבד צו זיין, אזוי ווי כיבוד אב איז נאר משל אב (קידושין לב.).

**הר"ר יוסף:** ער פארט בעצם, און ער קומט אן.

**הרה"ג רבי יהושע:** איך האב געזעהן שטיין, אז עס דארף זיין א קימה שיש בה הידור (קידושין לב:), און אז מען שטעלט זיך אויף פאר א אלטן יוד, און מען גיט אים נישט איבער זיין פלאץ, פעלט אין דעם קימה שיש בה הידור, ער האט נישט געהעריג מהדר געווען. (עיין **שו"ת שבט הלוי** ח"ב סימן קי"ד).

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זעהן אסאך שמחות און נחת אי"ה ביי אלע קינדער און אייניקלעך, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה גרינגערהייט מתוך נחת און הרחבת הדעת.

**אב"ד פרעשבורג:** אמן. דער רב זאל אויך זעהן אסאך שמחות און נחת ביי די קינדער און אייניקלעך און די תלמידים.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדתו, שהתקיים על ידי משפחת המחותן שליט"א באולם סקאליע.

*

***<u>יום רביעי פרשת וישלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נקבצו קהל המונים להשתתף אצל שמחת השבע ברכות רבתי שנערך על ידי קהלתינו הק' בהיכל בית מדרשנו הגדול לרגל השמחה הרוממה בחצר קדשינו. השמחה עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב תלמידים וחסידים, שגדשו את היכל הבית המדרש, ובהשתתפות אדמורי"ם ורבנים שפיארו בראש המסובים.

בסעודת השבע ברכות השמיע **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבה גדולה דברים ערבים בגודל רוממות שמחת בית צדיקים. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים על ידי מקהלת אברכי אנ"ש, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה. עם סיום הדברות קודש נשמעו דברי בדחנות על ידי הר"ר **יונתן שווארץ** הי"ו.

אחר הדברות קודש רקד **רבינו שליט"א** ריקודים מיוחדים עם החתן והמחותנים למשך זמן. אחר ברכת המזון עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ולברך ולהתברך לרגל השמחה.

אצל השמחה נתחלק לכל המשתתפים ספר **שו"ת ולאשר אמר** (שני חלקים), מאוצר כת"י של **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל הי"ד**, נדבת לבו של ידידנו הר"ר **אברהם חיים שטערן הי"ו**.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יצחק דייטש הי"ו**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו תפארת יהושע במאנסי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדתו, שנערכה על ידי הסב **הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**, באולם טאשנאד.

*

***יום שישי פרשת וישלח***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בישיבתנו הק' 'אוצר התורה'. אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ווען** יעקב אבינו האט זיך געדארפט טרעפן מיט עשו, האט ער געשיקט מלאכים, זיי זאלן אים זאגען, עם לבן גרתי ואחר עד עתה (בראשית ל-ד). זאגט רש"י, עם לבן גרתי, איך האב געוואוינט ביי לבן צוואנציג יאר, ותרי"ג מצות שמרתי, און איך האב אפגעהיטן אלע מצות אין די תורה, ולא למדתי ממעשיו הרעים, און איך האב זיך נישט אראפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים. אפילו איך בין געווען איין יוד אליין אין ווואלד, צוזאמען מיט א לבן הארמי, פון דעסטוועגן דאך האב איך געהאלטן די תורה. און פון דעסטוועגן דאך זעהט מען, אז ער האט מורא געהאט, ער האט געדארפט שיקן שלוחים, און אים איבערבעטן, למצוא חן בעיניך. און ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטען, ויירא יעקב מאד ויצר לו. אויב א יוד פירט זיך אויף ערליך, אז ער קען זאגען ותרי"ג מצות שמרתי, אז ער האט אפגעהיטן אלע מצות אין די תורה, מיטן גרעסטן מאס נסיון וואס ער האט געקענט האבן ביי לבן אין שטוב, דארף מען נישט אזוי מורא האבן. וואס האט ער געדארפט האבן דעם למצוא חן בעיניך.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעקב אבינו האט דאך געהאט עפעס א נדנוד חטא, וואס אויף דעם האט ער מורא געהאט. ער איז טאקע געווען א אונס, אבער ער איז צוואנציג יאר נישט געווען אינדערהיים, און ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב. א מצוה אין די תורה, מען דארף מכבד זיין א טאטע מיט א מאמע, ארויסהעלפן אין שטוב וואס מען קען, און ער האט עס נישט געטון. און מען האט זיך אפגערעכנט מיט יעקב אבינו שפעטער, אז יוסף איז נישט געווען ביים פאטער אין שטוב צווי" און צוואנציג יאר, כדי מתקן צו זיין דאס וואס יעקב אבינו האט פארפעלט אין כיבוד אב. ווען ער האט פארפעלט כיבוד אב, איז ער נישט געווען א עזות פנים פארן טאטען, און נישט אז ער האט נישט געפאלגט וואס דער טאטע זאגט, און וואס די מאמע זאגט, עס איז נישט געווען קיין סור מרע, עס האט נאר געפעלט אינעם עשה טוב. ווען ער וואלט געווען אין שטוב, וואלט ער געקענט העלפן, ער וואלט געקענט מכבד זיין זיינע עלטערן, און ער האט עס פארפעלט צו טון. און אויף דעם האט ער מורא געהאט, אז דער אייבערשטער וועט זיך אפרעכענען מיט אים, אויף די יארן וואס האט אים געפעלט כיבוד אב, אזוי ווי מען זעהט, אז מען האט זיך טאקע אפגערעכנט מיט אים שפעטער, אז יוסף האט געפעלט. דער מלאך האט זיך מתאבק געווען מיט אים, ולא יכול לו, ער האט אים נישט געקענט בייקומען, איז דער טייטש אז ער האט נישט געהאט קיין שום חטא אויף וואס דער מלאך זאל זיך קענען אנטשעפענען, אבער כיבוד אב האט ער נישט געקענט מקיים זיין די אלע יארן.

**פארוואס** אבער האט יוסף געפעלט נאר צוויי און צוואנציג יאר. יעקב האט דאך געפעלט פון שטוב זעקס און דרייסיג יאר. פערצן יאר איז ער קודם געווען ביי שם ועבר, פון די דריי און זעכציג ביז די זיבן און זיבעציג. און נאכדעם פון די זיבן און זיבעציג יאר, ביז די ניין און ניינציג, איז ער געווען ביי לבן, און ער האט זיך אויפגעהאלטן אויפן וועג ביז ער איז אהיימגעקומען צוריק. ער איז נישט נענש געווארן נאר אויף די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען ביי לבן אין שטוב. אויף די פערצן יאר וואס ער איז געווען ביי שם ועבר, אויף דעם איז ער נישט נענש געווארן. פארוואס? ער האט דאך אויך נישט מקיים געווען כיבוד אב.

**אבער** דעמאלטס האט ער געהאט א גרעסערע מצוה פון כיבוד אב, ער איז געזעסן און געלערנט תורה. זאגט די גמרא (מגילה יז.), אז תלמוד תורה איז גרעסער פון כיבוד אב, ער איז נישט נענש געווארן אויף די יארן וואס ער איז געזעסן און געלערנט, וויל זיצן און לערנען איז תלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א). עס איז די חשוב'סטע מצוה וואס איז שייך פאר א יוד ער זאל קענען מקיים זיין, ער זאל עוסק זיין בתורה. אבער ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שם ועבר, ער איז נישט אין בית המדרש יעצט, יעצט איז געקומען אויף אים די מצוה פון כיבוד אב, און ער האט עס פארפעלט מקיים צו זיין, ער זיצט ביי לבן אין שטוב, אויף די יארן האט ער געדארפט אפגעבן א חשבון, פארוואס ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב. אבער אויף די יארן וואס ער איז געזעסן און געלערנט האט ער נישט געדארפט אפגעבן א חשבון, וויל תלמוד תורה איז גרעסער פון כיבוד אב.

**ווען** יעקב אבינו וואלט אבער געקענט זיצן ביי לבן אין שטוב, און לבן וואלט אים געגעבן זיין פרנסה, און ער וואלט נישט געדארפט זיין א רועה צאן, און ארבעטן פון צופרי ביז ביינאכט, הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה (בראשית לא-מ), וואלט ער דאך דעמאלטס אויך געקענט לערנען תורה, וואלט ער דעמאלטס אויך געווען פטור פון כיבוד אב, וויל ער איז דאך געזעצן און געלערנט. אבער לבן האט אים נישט געלאזט לערנען, לבן האט אים ארויסגעגעבן ארבעט, און אז דו האסט נישט געלערנט, קומט שוין כיבוד אב פריער, וועגן דעם איז ער נענש געווארן אויף די יארן.

**האט** יעקב געזאגט, בעצם האב איך נישט קיין מורא, 'תרי"ג מצות שמרתי', איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, איך האב נישט געזינדיגט אז עס זאל מיר קומען עפעס א עונש. אבער 'ולא למדתי', לערנען האב איך נישט געקענט, 'ממעשיו הרעים', וועגן די מעשים הרעים פון לבן, האב איך נישט געקענט זיצן און לערנען. אויף די יארן וואס איך בין געזעסן און געלערנט, אויף דעם האב איך נישט קיין מורא, אבער אויף די יארן וואס איך בין געווען ביי לבן, אפילו עס איז געווען ותרי"ג מצות שמרתי, אבער ולא למדתי, לימוד התורה האט מיר געפעלט, איך האב נישט געקענט לערנען, ממעשיו הרעים, דורך זיינע שלעכטע מעשים, אויף דעם האט ער מורא געהאט אפשר וועט ער נענש ווערן דערויף, און עשו וועט האבן אויף אים א שליטה. עשו האט דאך יא מקיים געווען כיבוד אב, עס שטייט אין מדרש (ב"ר סה-טז) רבי שמעון בן גמליאל האט געזאגט, אז איך האב שטארק מקיים געווען כיבוד אב, אבער עס איז נישט צוגעקומען צו דעם וואס עשו האט מקיים געווען. ווען ער איז אריינגעגאנגען צו יצחק אין שטוב, האט ער זיך אנגעטון בגדי מלכות, אזוי ווי מען גייט אריין צו א קעניג, אזוי איז ער אריינגעגאנגען אין שטוב טראגען דאס עסן פאר יצחק. און דעם חלק האט עשו געהאט מער פון יעקב, וואס וועגן דעם האט ער מורא געהאט פון אים.

**וואס** עס איז נוגע לענינינו, בחורים זיצן א גאנצע וואך און מען לערנט, און אז מען זיצט אין בית המדרש, פעלט דאך פון כיבוד אב. אבער, די תורה איז חשוב'ער פון כיבוד אב. **עס קומט אבער פרייטאג און שבת, ווען מען איז יא אינדערהיים, דעמאלטס קומט די מצוה פון כיבוד אב, מכבד זיין עלטערן, העלפן אין שטוב, פאר די מאמע, וואס עס פעלט אויס. אז דער טאטע זאגט עפעס, זאגט מען קיינמאל נישט ניין, עס איז נישט דא קיין ניין! אז דער טאטע האט עפעס געבעטן, אז די מאמע האט געזאגט, דארף מען פאלגן. און אדרבה מען דארף פרעגן וואס איך קען טון, וואס איך קען גרינגער מאכען אין שטוב. דאס איז די מצוה פון כיבוד אב, ארויסצוהעלפן און מכבד זיין עלטערן.**

**עס** שטייט אין ספרים, אז א חלק פון כיבוד אב איז, אז מען פירט זיך אויף ערליך, ווי עס פאסט זיך, דאס גיט א כבוד פאר די עלטערן, אז מיין זון פירט זיך

אויף ערליך. דער טאטע באקומט א קאמפלימענ"ט, אז דער זון איז געזעסן און געלערנט, איך האב אים געזעהן אין בית המדרש ווי אזוי ער האט געדאווענט, איך האב געזעהן ווי אזוי ער פירט זיך אויף, און דאס איז א תענוג פאר עלטערן ווען זיי הערן גוטס אויף זייערע קינדער. ווען א יוד פירט זיך אויף ערליך, איז ער אויך מקיים די מצוה פון כיבוד אב, ווייל עס קומט צוריק א גוטע גריס פאר די עלטערן ווי אזוי מען פירט זיך אויף (עיין **קיצור שלחן ערוך** קמג-כא).

**דאס** איז די עבודה פון א יוד, עס איז איינגעטייילט, א גאנצע וואך דארף מען זיצן אין בית המדרש און לערנען, אבער די צייט וואס מען איז אינדערהיים, דארף מען זעהן ווי אזוי מען קען מכבד זיין טאטע און מאמע. **ווען א מאמע קומט אריין אין שטוב, וואס דארף מען טון? זיך אויפשטעלן מלא קומתו. ווען א טאטע קומט אריין אין שטוב, דארף מען זיך אויפשטעלן! מען איז שוין צוגעוואוינט אזוי, מען ווערט אזוי ווי א גוטע פריינד מיט טאטע מאמע, מען איז פרענד"ס, עס איז נישט אזוי וויכטיג. די מצוה פון איש אמו ואביו תיראו** (ויקרא יט-ג) **איז זיך אויפצושטעלן פאר א טאטע און א מאמע. עס איז א מחלוקת צו יעדעס מאל, אבער על כל פנים איין מאל אין טאג, אין אנהייב פונעם טאג איז יעדער מודה אז עס איז א מצוה.** עס איז זאכען וואס מען איז נישט משים לב דערויף. עס איז פון די איינציגסטע מצות וואס די תורה האט געגעבן א שכר דערויף, למען יאריכון ימיך, ולמען ייטב לך (דברים ה-טז), אז מען וויל האבן א גוט לעבן, מען וויל האבן אריכת ימים, כאטש עס איז דא וואס זאגן אז עס גייט ארויף אויף עולם שכולו טוב, אבער אין פשטות פון די תורה האט עס אויך א ענין אז די תורה האט עס געשריבן דא. אז מען וויל האבן א גוט לעבן, אז מען וויל האבן אריכת ימים, דארף מען נזהר זיין אין כיבוד אב.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אי"ה, פארדעם לערנט מען דאך תורה, לשמור ולעשות, וויסן וואס מען האט צו טון. תורה איז נישט קיין חכמה וואס מען לערנט כדי מען זאל קענען תורה. מען דארף וויסן ווי אזוי מען דארף אויספירן און מקיים זיין די מצות פון די תורה. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל מצליח זיין. איך באקום ב"ה זייער שיינע גריסן, די בחורים לערנען פלייסיג. ב"ה עטץ האטס אזעלכע חשובע מגידי שיעור, דער חשובער מנהל זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אסאך כוחות אין ענק, זאל עס עושה פירות זיין, ער זאל ענק קענען פירן על דרכי התורה והיראה, צו דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

**רבינו שליט"א** שבת את שבתו - שבת של שמחה - בעיר מאנסי, לקראת השבע ברכות של נכדתו הכלה תחי', עב"ג **הרב משה יעקב פינטער שליט"א**.

לפני כניסת השבת חבש **רבינו שליט"א** השטריימעל להחתן **יוסף** נ"ו בן הר"ר **מיכאל דוב שטרייכער** הי"ו.

תפלות שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשו של הסב **הגה"צ אב"ד נייטרא שליט"א**, וסעודות שבת קודש נערכו באולם ניקלשבורג. אחר סעודת ליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע, והשמיע דברי תורה לכבוד השמחה.

לפני הסעודה ביום שבת קודש עבר **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מניקלשבורג שליט"א** ושאל בשלומו, ושוחחו בדברי תורה וסיפורי צדיקים.

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** במקהלות עם רב אנשי שלומינו בבית מדרשנו. אחר הדברות קודש הוסיפו לשור ניגוני שמחה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש, **ורבינו שליט"א** אמר השבע ברכות. – אחר תפלת ערבית הבדיל **רבינו שליט"א** על הכוס, ועברו הקהל לברכת 'א גוטע וואך'.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך בין געווען דא אויף שבת, עס איז געווען שבת שבע ברכות ביי מיין אייניקל.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** איך האב נישט געקענט זיין ביי די חתונה, איך בין געווען אין שטאט, מיין

ברודער האט חתונה געמאכט יענע נאכט. איך האב געוואלט קומען נאך די חתונה, איך האב געזאגט, איך האב נישט א געלעגענהייט וואו איך קען זיין, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט.

**רבינו:** זיין דא אין שטאט, און נישט אריינקומען צום רבי'ן...

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** אונז פאר מיר יעצט אויך אריין אין שטאט. עס איז דא א מלוה מלכה אין וויליאמסבורג פאר די מוסדות דא אין מאנסי.

**רבינו:** מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** חנוכה זאגט מען אויך תורה יעדע נאכט?

**רבינו:** יא. דער **סאטמארער רב** פלעגט צו זאגן תורה יעדע נאכט, אויסער מוצאי שבת. ער האט געזאגט ביי שלש סעודות, האט ער נישט געזאגט מוצאי שבת.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** נאך די פטירה פונעם סאטמארער רב, זענען מיר געווען ערב חנוכה מיטן **ברך משה** ביים פרעזידענט קארטער. עס איז געווען דארט דער **באבוב'ער רב ז"ל**, און דער **סאטמארער רב ז"ל**, און דער **טאטע ז"ל**. קומענדיג אהיים אויפן פליגער איז דער סאטמארער רב געזעסן מיט א ספר און זיך פארגעקוקט, ער האט געדארפט זאגען תורה ביינאכט. דאס איז ריכטיג, אז דער זיידע (**הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל**) איז געווען ביים **בעלזער רב**, און ביי די שמונה עשרה, האט ער אנגעהויבן די הויכע שמונה עשרה, אפילו ער האט נאכנישט געענדיגט די שטילע שמונה עשרה?

**רבינו:** יא. איך האב עס געהערט פונעם טאטן (**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי זצ"ל**). ער האט געזאגט, אז מען האט אזוי געזאגט, ער האט עס נישט באשטעטיגט.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** וועגן דעם פרעג איך.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** וואס איז דער וויכוח ווער עס דארף קודם מאכן א ברכה? איך קריג מיך אויך, אבער איך ווייס נישט וואס איז ריכטיג, דער בעל הבית צו דער אורח. אמאל פרעג איך, און אויב עס וועט זיין פארקערט, וועט איר מאכן קודם...

**רבינו:** תלמידי חכמים זענען זיך מכבד איינעם דעם אנדערן. זאלן זיי (הנוכחים) זיך כאטש אויסלערנען אז מען דארף מכבד זיין.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** לחיים. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זעהן נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, און הצלחה אין די קהלה, און אין אלע ענינים.

**רבינו:** וכן למר. מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת, און עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

איך וויל נישט אויפהאלטען. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה.

**וליוה את רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הגה"צ אב"ד טאשנאד שליט"א**, בחדרו שעל יד בית מדרשו.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו שליט"א התעניין על ספרי הגה"ק מטאשנאד זצ"ל שהיו שם בארון הספרים:** דעם טאשנאד'ער רב'ס ספרים זענען געבליבן?

**אב"ד טאשנאד:** עס איז געבליבן וויפיל מען האט געקענט ראטעווען. נאכן קריג איז דער **טשעקא רב** צוריקגעפארן קיין טאשנאד, די שטוב איז געבליבן, אבער דער גוי האט שוין געהאט אוועקגעווארפען אסאך זאכען. אסאך כתבי ידות האט ער דארט געטראפען, און די גוי'טע האט געהאלטען איינמיטן וואשען די פענסטער דערמיט. אמאליגע פאפיר איז געווען פיינע פאפיר, און מען האט געוואשן די פענסטער מיט דעם, אסאך כתבי ידות האבן אויף זיך זייף. מען האט אפגעקויפט וואס מען האט געקענט אפקויפן, מען האט געראטעוועט אסאך, אבר עס איז א מיעוט שבמיעוט. ער האט געהאט א חיבור אויף מקוואות, וואס עס איז גארנישט געבליבן. ער האט געהאט א פירוש אויף זיבן מסכתות אויף יעדע שטיקל מהרש"א, ער איז געווען א גרויסער מהרש"א לערנער. אלע טאשנאדער תלמידים האבן געלערנט אסאך מהרש"א. איך האב נאר צוויי בלעטלעך, איך האב עס געדרוקט. שלש סעודות תורה איז נישט דא גארנישט, אבער תשובות און דרשות און סוגיות איז דא אסאך. און דעם ש"ס האט מען געראטעוועט. ער האט געהאט א פאר הונדערט ספרים, אינטערעסאנטע ספרים, אויסגעלערנטע ספרים, ער איז געווען א מורא'דיגער חובב ספרים. דאס איז דער ארגינעלער ש"ס, א לעמבערגער ש"ס. תלמידים וואס דערקענען דאס, וויינען זיי. ער האט יעדן טאג געלערנט אין דעם ש"ס זעקס שעה. אין דעם האט ער פארגעלערנט.

ער האט קיינמאל נישט ארויפגעלייגט די הענט אויף א ספר, נאר אונטער די ספר. עס איז זייער שווער צו לערנען אזוי, אבער ער האט געהאלטן בשיטה אזוי. עס איז דא תלמידים וואס מאכען עס נאך, ער האט אלעמאל געהאלטן די הענט אונטער די גמרא.

ער האט גארנישט צוגעשריבן אין די ספרים, כאטש ער איז געווען א מענטש וואס האט אסאך געשריבן. א אינטערעסאנטע זאך איז, אינעם עצי חיים על התורה האט ער מזכיר געווען זיינס א זון, יהושע בן גיטל לבריאת הגוף והנפש ולחשקת בתורה הק'. ער איז געווען בן דורו, איך האלט אז יענעם טאג איז זעהט אויס געווען א שוואכקייט מיט דעם זון, און ער האט געוואלט ליינען פאר זיך דעם קוויטל, און די ערשטע ספר וואס איז געווען אויפן טיש, האט ער אויפגעשריבן. נישט ער איז גענאנגען און ער האט עס ארויסגענומען פון שאפע. עס איז נישט מסתבר אנדערש. עס איז זיין ארגינעלע כתב, און ער איז געווען א מענטש וואס האט נישט געשריבן אין א ספר קיינמאל. אלע ספרים זענען אויסגעלערנטע ספרים, די חתם סופר זיינע וואס ער האט געלערנט, ער האט געקאכט אין א חתם סופר.

**רבינו:** ער האט זייער שיין געשריבן. א שיינע שפראך. ער האט גוט אראפגעשריבן.

**אב"ד טאשנאד:** דער טשעקא רב שרייבט אין א בריוו, אז דאס התעוררות ערב יום הקדוש וואס דער גאנצער עולם האט געהאט ביי די כל נדרי דרשה, זענען מיר שוין געווען נאך כפרת עונות. ווען ער איז צוגעגאנגען איבערבעטן דעם ש"ס פאר ער איז אריינגעגאנגען צו כל נדרי, אז ער האט א גאנץ יאר נישט געלערנט ווי עס דארף צו זיין, שרייבט ער, כל לב יומס. מען האט געוואוסט אז דער מענטש האט נישט מבטל געווען א סעקונדע, ער איז געווען בקי בכל התורה כולו, און ווי אזוי זאגט ער, איך האב נישט קיין שייכות מיט לימוד התורה, און ער האט איבערגעבעטן דעם ש"ס מידי שנה בשנה. זאגט ער, ווען מיר זענען אריינגעקומען צו כל נדרי, זענען מיר שוין געווען פערטיג. ער שרייבט עס אין א בריוו מיט א מורא'דיגער געפיל, אזוי ווייט אז ווען מען ליינט עס, וויינט מען. ער לייגט אראפ ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן די פאר מינוט פאר כל נדרי.

**רבינו:** ער האט ארויסגעגעבן זיין הרגשה.

**אב"ד טאשנאד:** פון דעם זעהט מען, וואס עס מיינט אז די תורה האט נישט קיין סוף. ווי מער ער האט געלערנט, האט ער אלץ געזעהן, תורת ה' תמימה, שטייט פונעם **אר"י הק'** (שאחר כל השגתינו בתורה הק', היא נשארה עדיין תמימה, שלא למדנו ממנה רק כטפה מן הים).

**רבינו:** וואו האט ער בעיקר געלערנט?

**אב"ד טאשנאד:** ביים **לבושי מרדכי**. ער האט אויך געלערנט ביים **דרכי תשובה**, אבער איך ווייס נישט צו אין ישיבה. ער האלט זיך פאר א תלמיד פונעם דרכי תשובה. אבער ביים לבושי מרדכי, איז ער געווען פון די ערשטע תלמידים. ער איז נישט געווען צו סאך יונגער פונעם לבושי מרדכי אפשר א צען פופצן יאר. דער לבושי מרדכי איז געווען זיין שדכן. ער איז געווען א איידעם ביים **מארגארעטן'ער רב**. עס איז דא א בריוו וואס דער לבושי מרדכי שרייבט פאר רבי שלמה זלמן, דער מארגארעטנ'ער רב, איך האב א אתרוג מהודר ביי מיר אין ישיבה, און איך קען עס דיר אנטראגען. ער האט געהייסען דער בעסטער בחור. ער רופט אים אין די תשובות, מורי ורבי בעל הלבושים סגר עלי הדרך, איך קען נישט פסק'ענען אקעגן דעם לבושי מרדכי. מען זעהט אז דער דרך ארץ פארן רבי'ן האט ער געהאט פארן לבושי מרדכי שטארק. און אויך פארן דרכי תשובה שרייבט ער מיט גרויס כבוד. אבער א חתם סופר, כאטש מיר קומט אויס אנדערש, אבער עס איז נישט דא וואס צו רעדן, עס איז נישט דא א וועג וואס מען קען עס מתיר זיין.

ער האט באקומען פונעם דרכי תשובה דעם תיקוני זוהר מיטן **באר לחי רואי**, צו די חתונה. איך האב עס דא, צוויי בענדער. ער האט אסאך געלערנט תיקוני זוהר, ווייל איך האב אפאר תיקוני זוהר'ס און איך זעה אז עס איז אויסגעלערנט.

אסאך מנהגים ביי אונז, זענען מונקאטשער מנהגים. אויך די נוסח התפלה, איז מער ווייניגער די נוסח, זידיטשוב'ער תנועות.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט זיך אויך געהאלטן פאר א חסיד פונעם דרכי תשובה.

**אב"ד טאשנאד:** דער טאשנאד'ער רב האט זיך אויך געהאלטן זייער נאנט מיטן שאמלויא'ער רב.

**רבינו:** זיי זענען געווען פון איין געגענט.

אין געטא זענען זיי אויך געווען צוזאמען. עס איז דא סיפורים דערפון. דער שאמלויא'ער רב איז געווען אין געטא זייער צוטראגען, איך האב געהערט פון יודען וואס זענען דארט געווען. דער רב האט אמאל גערעדט מיט א יוד וואס איז געווען אין געטא מיט זיי?

**רבינו:** יא, עס איז אוועק יעצט ר' מרדכי מנחם וויעדער (עיין בגליונינו פרשת קרח תשע"ח).

**אב"ד טאשנאד:** עס איז געווען אפאר יודען וואס זענען געווען אין דעם געטא, זיי האבן דעציילט מורא'דיגע זאכען. איך האב געהערט פון ר' יוסף יאקאב, ער האט געמאכט א ספר לדור ודור נספר תהלתך, און נאך א יוד וואס איז געווען דארט. דער שאמלויא'ער רב איז שוין געווען דעמאלטס א זקן, אין די אכציג'ערס.

**רבינו:** איין און אכציג יאר.

**אב"ד טאשנאד:** דער טאשנאד'ער רב איז נאך געווען א יונגערמאן, זיבן און פופציג יאר. און דער שאמלויא'ער רב איז געווען זייער אראפגעקלאפט, און דער טאשנאד'ער רב איז געזעצן צוזאמען מיט אים, און געזינגען. דער יוד האט מיר דערציילט, אז זיי זענען געוועןביידע אפגעגאלט, עס איז געווען א שרעק אנצוקוקען, ער האט געזינגען מיט אים, און אים פראבירט מחזק צו זיין. דער שאמלויא'ער רב האט אים געזאגט, פארוואס קומט זיך אונז אזעלכע שווארצע וואלקענעס. למעשה איז געשעהן וואס איז געשעהן, מען האט זיי אנגעהויבן ארייננצונעמען. דער יוד האט מיר דערציילט, ער האט געזעהן ווי דער טאשנאד'ער רב האט געהאלפן דעם שאמלויא'ער רב גיין, מען איז געגאנגען אין די גאז קאמערן, און דער שאמלויא'ער רב האט געזינגען מלכיות זכרונות שופרות, און חמול על מעשיך איז געווען די לעצטע זאך פארן ארייינגיין אינווייניג.

**רבינו:** דאס האב איך נישט געהערט.

**אב"ד טאשנאד:** איך האב עס געהערט פון א יוד וואס איז דארט געווען. ב' סיון האט מען אוועקגעפירט די שאמלויא'ער געטא קיין אושוויץ, און י"א סיון האט מען זיי ארייינגעפירט אין די גאז קאמערן. [עס דאכט זיך מיר אז דער **סעקעלהיד'ער רב** איז אויך געווען אינעם שאמלויא'ער געטא, עס איז אויך די זעלבע געגענט]. זיי זענען געווען מחותנים אויך, פונעם **קול אריה** (הג"ר רבי **נתן צבי בריסק** זצ"ל אחיו של **הגה"ק מטאשנאד זצ"ל**, היה חתן **הגה"ק בעל בית נפתלי זצ"ל** בן **הגה"ק בעל קול ארי' זצ"ל**). עס איז די וואך געווען די יארצייט פונעם **בית נפתלי**, י"ב כסלו.

עס איז דא בריוון געדרוקט פונעם שאמלויא'ער רב, א מזל טוב, מיט א לשנה טובה. עס איז אויך דא א לאנגע תשובה (**בשו"ת לחם שלמה** סימן ט"ו) וועגן כלאים בציצית.

**רבינו שליט"א התעניין על הוצאת ספרי אוצר הזמנים של בנו הרה"ג רבי אהרן מרדכי שליט"א דומ"ץ טאשנאד**

**אב"ד טאשנאד:** די וויענער בחורים וואס קומען דא אריין, זענען חשובע בחורים, מען דערקענט א חילוק, איידעלע חסידישע בחורים. און מען ווייסט אז עס איז נישט קיין דברים של מה בכך היינט.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט אויך געהאט א תיקוני זוהר מיט באר לחי רואי, פונעם שאמלויא'ער רב. דער שאמלויא'ער רב האט אויך אריינגעשריבן. ממש אזוי ווי דאס, צוויי דריי שורות אויבן, אז ער האט עס באקומען.

**הרה"ג רבי יהושע:** ער שרייבט זיך אונטער אינעם ספר מיט זיין מאמע'ס נאמען, שלמה זלמן בן הענדל רייזל.

**אב"ד טאשנאד:** וואס איך געדענקביים טאטע'ן (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל) איז דער **ראשית חכמה**. עס איז מיר אריין אין די ביינער, מען רעדט שוין פון פערציג יאר שפעטער. איך בין אריינגעקומען אמאל אינדערפרי, איך האב אים געברענגט א בריוו פון ארץ ישראל, ער איז געזעסן אליין אין בית המדרש, נאר דער אייבערשטער האט געזעהן, מיט די תפלין, און געוויינט אין א ראשית חכמה. איך האב נישט געקענט זעהן וועלכע שער, ווייל ער האט עס פארמאכט ווען איך בין אריינגעקומען. ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאן דעמאלטס, פערציג יאר צוריק, ער האט געוויינט מיט א ראשית חכמה, עס איז מיר אריין אין די ביינער. ער פלעגט לערנען יעדן טאג מיט די רבינו תם'ס תפלין, ראשית חכמה?

**רבינו:** יא. בדרך כל פלעגט ער לערנען פארן דאווענען.

**אב"ד טאשנאד:** דעמאלטס איז עס געווען נאכן דאווענען, מיט די רבינו תם'ס תפלין, און ער האט עס פארמאכט, און גלייך איז געווען פושט צורה ולובש צורה, ער האט גלייך אנגעהויבן צו שמייכלען, און ער האט געמאכט א ווערטל אויך, כדרכו. ווען איך בין געווען מנחם אבל האב איך געבעטן צו מען קען זעהן דעם ספר, עס איז געלעגן דארט.

**רבינו:** עס איז געווען אויסגעלערנט.

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת, מיט שמחות ביי די קינדער און אייניקלעך, פריילעכערהייט.

**אב"ד טאשנאד:** אויך ביים רב אויף שמחות, לאורך ימים ושנות חיים, דשנים ורעננים.

**רבינו שליט"א הזמינו להשבע ברכות של קהלתנו הק', ונתן לו הספר החדש שו"ת ולאשר אמר שיצא לאור לרגל השמחה.**

**אב"ד טאשנאד:** אבער עס איז נישט אויפן חשבון פון **שמן ראש**, עס איז נאר א הוספה אויפן שמן ראש. איך בין מיך פשוט מחיה ווען איך זעה ווי עס קומט ארויס נאך א באנד און נאך א באנד, און איך זעה אז עס איז אלץ דא נייע זאכען, חידושים. די סדרות איז די זעלבע קשיות פרה ורבה מיט חידושים נפלאים.

**רבינו:** דער **רמב"ן** (פרשת ויחי מח-ז) שרייבט, ואני בבואי מפדן, אז רחל איז נישט באגראבן אין מערת המכפלה, נאר לאה, ווייל יעקב האט זיך געשעמט אז ער האט גענומען שתי אחיות, און זיי לייגען אויף איין פלאץ מיט די אבות. לאה האט ער גענומען בהיתר, רחל האט ער גענומען שפעטער, האט ער רחל נישט ארייגעלייגט אינעם מערת המכפלה.

**אב"ד טאשנאד:** אזא חידוש קען נאר דער רמב"ן זאגען.

איך האב נעכטען געזאגט ביי חומש רש"י שיעור, אז באמת איז א מורא'דיגע קשיא, המעט קחתך את אישי (בראשית ל-טו), לאה גייט רעדן צו רחל אזוי, ווען די מעשה איז גאר געווען פונקט פארקערט. נאר עס איז נישט אזוי. עס שטייט אין **מאירי** (סוטה ב.), כאן בזיווג ראשון כאן בזיווג שני, פאר יעדן איינעם באשערט מען זיין זיווג, אויב ער וועט זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין. אז נישט, טוישט מען. אמאל קען זיין א מענטש האט חתונה מיטן זיווג שלישי, ווייל מען האט אים דריי מאל געטוישט אינמיטן. לאה'ס זיווג איז געווען עשו, און ביי א ערליכע יוד ווייסט מען, אז זי דארף באשאפן ווערן צו באדינען א ערליכער יוד. עס דארף נישט צו זיין אז מען האט אים אוועקגענומען דעם זיווג, נאר מען האט געגעבן לאה צוריק פאר יעקב, און ממילא רחל האט געוואוסט, אז זי איז נאר געווען, אויב לאה קומט נישט אן. אבער אז לאה איז אנגעקומען, האט זי אוועקגעגעבן די סימנים. עס איז בכלל נישט געווען קיין משא ומתן, זיי האבן עס זייער גוט פארשטאנען, עס קומט אזוי.

**רבינו:** אבער עס איז דאך געווען א מדריגה פון ביידע.

**אב"ד טאשנאד:** אבער דאס וואס דער אר"י הק' זאגט, כאן בזיווג ראשון כאן בזיווג שני, אז דאס איז לפי מעשיו, אז אויב ער האט זיך משנה געווען, האט מען געמוזט געבן א צווייטע זיווג. עשו איז קאליע געווארן, איז לאה צוריק צו יעקב. אז נישט, וואס קומט זיך עפעס אז לאה זאל גיין חתונה האבן צו עשו (עיין **בשמן ראש** חלק תשיעי ויקרא דף קסג באריכות).

**רבינו:** ווען רחל קומט פרעגן א שאלה, וואס זי זאל טון, וואס וואלט מען איר געזאגט? זי וויל וויסן דעת תורה, וואס האט זי צו טון.

**אב"ד טאשנאד:** קיין אירוסין איז דאך נישט געווען פריער, עס איז נאר געווען א הבטחה, אלץ מענטשליכקייט.

**רבינו:** אלץ מענטשליכקייט, אויפגעבן איר שידוך, אויפגעבן א יעקב. איך וועל פרעגן נאך מער, מען וועט פרעגן צו 'מעג' איך עס טון, נישט צו איך 'דארף' עס טון, נאר צו מעג איך עס טון. איך האב א גוטע שידוך מיט יעקב, אוועקצוגעבן פאר די שוועסטער יעצט, און איך וועל בלייבן.

**בנו דומ"ץ טאשנאד:** איך האב געמיינט אז דער רב מיינט נישט אלץ זיך, נאר אלץ יעקב (שעשתה עמו סימנים לינשא אליו).

**רבינו:** איך פרעג אלץ ביידע. און פון דעסטוועגן דאך האט זי עס געטון.

**אב"ד טאשנאד:** אונז פראביר מיר עס מצייר צו זיין, לויט ווי אונז קוק מיר עס אן. די אבות מיט די אמהות האבן געזעהן גאנץ אנדערע זאכען, זיי האבן געהאט א אנדערע בילד אינגאנצן. מען זעהט אז רחל האט א נאמען געגעבן פאר יוסף, ווייל אסף אלקים את חרפתי (בראשית ל-כג), כדי אז ווען עס וועט זיך צוברעכען א גלאז, זאל מען האבן וועם צו בלעימע"ן (רש"י שם). דאס איז יוסף הצדיק?! ב"ה יוסף איז געבוירן א גרויסע שמחה, יעקב איז געווען א בלעימע"ר א גאנצען טאג, און ב"ה פון יעצט אן וועט ער בלעימע"ן א צווייטען. עס איז נישט צו פארשטיין ווי אזוי די חז"ל לייגען עס אראפ. עס איז דאך זיכער א העכערע זאך, עס איז נישט לויט אונזערע השגות, דאס צו פארשטיין.

**רבינו:** די מפרשים זאגן, אז זי האט געגעבן א הודאה אויף די קלייניגקייט אויך. דאס איז שוין געווען די אונטערשטע.

**אב"ד טאשנאד:** איך מיין אז עס איז געווען לערבב את השטן, ער זאל נישט כאפן וואס פאר א נשמה מען ברענגט אראפ, יוסף הצדיק. ער וואלט זיכער פאראורבעט מעשים אז מען זאל האבן א שלעכטע מחשבה כדי עס זאל נישט זיין יוסף הצדיק. האט מען פארדרייט א קאפ אז די גאנצע איז מען מיינט דא נארישקייטן, איז אויב אזוי האט ער נישט געשטערט.

**וליוה את רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מסקווירא:** מען האלט אינמיטן שבע ברכות.

**רבינו:** עס קומט מיר אויס צו זיין זעלטן אין מאנסי, יעצט בין איך געווען אויף שבת. איך זאל זיין דא, און נישט אריינקומען?!

**האדמו"ר מסקווירא:** אז עס איז דא א שמחה, דארף מען ממשיך זיין די שמחה דא אהער אויך.

**רבינו:** איך בין געקומען נעמען שמחה.

די גמרא (סנהדרין כב.) זאגט, אין אשה כורתת ברית, אלא למי שעשאה כלי. ביי א רבי מיט חסידים, איז דער רבי וואס מען האט געהאט אין די יוגענט, דאס איז עשאה כלי, דארט אין מען כורתת ברית. איך דערמאן זיך צוריק אויף די יונגע יארן, ווען מען איז דא געווען. עשאה כלי.

**האדמו"ר מסקווירא:** יא, ביים טאטן זכרונו לברכה. מען האט געלערנט אין נייטרא, און מען פלעגט אריינקומען.

**רבינו:** די וואך בין איך געווען אויף א חתונה מיטן **אולם'ער רב**, זאגט ער מיר, דער רב געדענקט אז מיר זענען געקומען שבת אויף סקווירא פון די ישיבה.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער פאטער דער אולם'ער רב זצ"ל פלעגט אויך אסאך קומען.

**רבינו:** דער זון, דער היינטיגער אולם'ער רב האט אויך געלערנט דעמאלטס אין נייטרא. - איך בין אסאך שבתים געווען דא, חנוכה אויך.

**האדמו"ר מסקווירא:** די גמרא (תענית כה.) זאגט, משמיא מיהב יהבי מישקל לא שקלי. די השפעה בלייבט, מען נעמט עס נישט אוועק. אויב מען האט דעמאלטס מקבל געווען, נעמט מען עס נישט צוריק. חנוכה איז מען אויך געווען דא?

**רבינו:** יא, איך בין אסאך יארן געווען חנוכה. עס איז געווען בזעיר אנפין, דער עולם האט געארבעט דעמאלטס, און ער האט געצינדען פרי חנוכה ליכט. מען האט ממש אריינגעלאזט נאר צו די חנוכה ליכט, און נאכדעם איז געווען א הפסקה.

**האדמו"ר מסקווירא:** עס איז היינט אויך אזוי, נאר אויף א אנדערע אופן. ער האט געזאגט דעמאלטס די מזמורים, און נאכדעם פלעגט ער צוריק ארויסגיין צו מעוז צור.

**רבינו:** ער האט געטרינקען לחיים.

**האדמו"ר מסקווירא:** אין וויליאמסבורג האט ער געצינדען אין שטוב, דא האט ער געצינדען אין דאווען שטוב.

**רבינו:** דא האט ער דאך געצינדען אין ספרים שטוב.

**האדמו"ר מסקווירא:** נאכדעם ווען ער האט געצינדען אין בית המדרש, האט ער אויך מדקדק געווען צו צינדען אין שטוב, ביי די טיר צום בית המדרש. און דער עולם איז געשטאנען אין בית המדרש, בשעת ער האט געזאגט די ברכה, און שפעטער איז ער אריין צו מעוז צור.

**רבינו:** ער האט געצינדען אין דאווען שטוב?

**המשב"ק:** איין יאר האט ער געצינדען דארט.

**האדמו"ר מסקווירא:** יא, נאכדעם איז שוין נישט געווען שייך, אבער ער האט געצינדען אין צימער, ער האט טועם געווען דארט. אז ער האט געצינדען ביים טיר, האט דער עולם געקענט שטיין אינגאנצן ארום אין בית המדרש. דארט האט ער געזאגט די ברכה, און שפעטער איז ער אריין צו מעוז צור.

עס איז געווען א חתונה, עס איז די חודש פון חנוכה, א זמן פון בנין רבנן וחתני רבנן (עיין שבת כג:).

**רבינו:** ביים רבינ'ס פארשפיל בין איך אויך דא געווען. עס איז שוין א פאר יאר פון דעמאלטס (בחודש אב תשי"ט).

**האדמו"ר מסקווירא:** מוצאי שבת פארן פארן קיין ארץ ישראל.

**רבינו:** דער טאטע איז געזעסן ביי א טיש ארומגענומען מיט רבנים, און ער האט אויפגענומען דעם עולם.

**האדמו"ר מסקווירא:** מען האט געמאכט א שאטער.

**רבינו:** די סעודה איז געווען אין שאטער, אבער פאר דעם האט ער אויפגענומען דעם עולם אין שטוב.

**האדמו"ר מסקווירא:** די סעודה איז געווען א בחינה פון א חתונה אין אמעריקא פאר די אלע וואס זענען נישט מיטגעפארען.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל איז געווען דעמאלטס אינדרויסן אין קאנטרי, אין ליווינגסטאן מענאר, און די פאר רבנים וואס זענען געווען דארט, האבן מוצאי שבת געגומען א קאר און אריינגעקומען. דער טערצאל'ער רב איז געווען דארט.

**האדמו"ר מסקווירא:** זיי פלעגן זיך טרעפן ווען ער פלעגט זיין ביי ברית'ן ביים טאטן ז"ל. די טאטע האט מיר אמאל געזאגט, אז ער האט הנאה פונעם טאטענ'ס ברית'ן. חיתוך איז ער געווען, אבער אלעס פארדעם און נאכדעם.

**רבינו:** חיתוך האט ער אנגעהויבן תיכף שוין אין אנהייב, אדער דאס איז געווארן שפעטער.

**האדמו"ר מסקווירא:** נאר דא אין שטעטל. דער זיידע ז"ל האט אויך געמאכט חיתוך. ער האט מיר געזאגט א פלא'דיגע זאך, פארשטייט זיך אז ער האט געמאכט אן א צווענגל, און ער האט געמאכט חיתוך מיט פארמאכטע אויגן.

**רבינו:** הפלא ופלא.

**האדמו"ר מסקווירא:** איך מאך היינט אויך חיתוך, פארשטיי איך אז איך פארשטיי נישט...

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל פלעגט מפליא זיין, ער פלעגט צו זאגען, אז בדרך כלל אז מען איז חיתוך, הייבט מען אן מצד הגוף, אויף ארויף, עס איז אסאך גרינגער. און ער האט געזאגט, אז דער רבי פלעגט צו מאכען פון אויבן אויף אראפ. ער פלעגט אלץ זאגען, אז דאס איז א אומנות אז מען זאל קענען מאכען פון אויבן אויף אראפ.

**האדמו"ר מסקווירא:** מיין טאטע ז"ל האט נישט געהאט פארמאכטע אויגן, אבער ער האט געזאגט אז זיין פאטער האט יא געהאט. מסתמא איז נישט געווען קיין צענטל ברית'ן וויפיל עס איז דא היינט. אין שטאט אליין איז דאך נישט געווען, נאר משפחה. חסידים איז געווען מער ערגעץ אנדערש ווי אין שטאט אליינס, די שטאט איז דאך געווען א קליין שטעטל. אבער ער האט מיר געזאגט, אז ביי די ברית'ן וואס זענען געווען, האט ער געמאכט אן א צווענגעל, און מיט פארמאכטע אויגן.

**רבינו:** אמאל קען זיין אז מען האט א גוטע הרגשה, אז מען שפירט וואס מען טוט.

**האדמו"ר מסקווירא:** יא, אז נישט איז דאך א סכנה. ער האט מיר אמאל געזאגט, אז די ערשטע מאל וואס ער האט געמאכט חיתוך איז געווען ביי מיר. ער האט נישט געוואלט ביי א צווייטען. למעשה איך האב אויך משתדל געווען אז עס זאל זיין ביי א קינד. איך האב געווארט א גאנצע צייט, איך האב נישט געוואלט, למעשה נאך די הסתלקות פון טאטע ז"ל איז דאס קינד געבוירן געווארן שבת. שבת איז דאך א שאלה אויף די ערשטע מאל. איך האב נישט געהאט קיין ברירה, מען האט מיך צוגעדריקט, האב איך צוויי טעג פאר דעם געמאכט איינס, מיט א עומד על גביו. עס איז שוין געווען א שטיק צייט נאך די הסתלקות פונעם טאטען ז"ל, און איך האב נישט געוואלט, איך האב געווארט, שבת איז דאך א שאלה (עיין **בשו"ע** סימן של"א **ובפתחי תשובה** שם).

ער האט מיר געזאגט אמאל א אינטערעסאנטע זאך, אז ער איז געווען א רך הלבב, אז ביים שחט'ן וואו עס איז דא בלוט, איז אים נישט געווען אזוי לייכט, אבער ביי א ברית האט אים נישט געשטערט.

**רבינו:** מצוה שקבלו עליהם בשמחה.

**האדמו"ר מסקווירא:** א ברית איז דאך א מצוה חיובית, די אנדערע איז דאך נאר טאמער מען וויל עסן, דארף מען שחט'ן, מען טאר נישט עסן אן שחיטה, אבער עס איז נישט א מצוה פאר זיך. אזוי האב איך געלערנט פשט.

עס קומט מיר אויס אמאל, איך טרעף א בחור פון די ישיבה, ב"ה זיי זענען חשובע בחורים. איך באקום גאר גוטע גריסן פון די ישיבה.

**רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן ווייטער.

**האדמו"ר מסקווירא:** איך דערמאן עס דעם חודש, הלכה כבית הלל מוסיף והולך, מעלין בקודש.

**רבינו:** דא איז א גאנץ יאר מוסיף והולך, נישט נאר חנוכה. קיין עין הרע וואס מען טוט אויף, א ציבור יודען. דער באשעפער זאל געבן אסאך כח.

**האדמו"ר מסקווירא:** זכות אבות וועט מגין זיין. איך זאג אלעמאל פאר יעדן איינעם, אז דער טאטע ז"ל האט דא געשטעלט א גוטן יסוד, דארף מען בעטן דעם אייבערשטען, אז איך זאל עס נישט קאליע מאכען. אז איך וועל נישט קאליע מאכען, וועט זיין גוט.

**רבינו:** עס איז נישט נאר אז מען האלט עס אזוי ווי עס איז געווען, עס איז מוסיף והולך, ב"ה עס בויט זיך.

**האדמו"ר מסקווירא:** איך האב דערמאנט אמאל, מען האט צוגעבויעט א בית המדרש, אז דער **אגרא דכלה** ברענגט (פ' פקודי), אז נאכן מלאכת המשכן שטייט אלץ כאשר צוה ה' את משה, אז ער האט מורא געהאט צו מען האט א שייכות, צו מכוון געווען דאס וואס מען האט געדארפט מכוון זיין, האט מען זיך געגעבן א עצה, אז מען האט עס געטון כאשר צוה ה' את משה, אויף די כוונה וואס ער האט געטון. – אויב מען איז עפעס מוסיף, איז עס אויף די כוונה וואס ער האט געטון.

**האדמו"ר מסקווירא כיבד את רבינו לברך על הפירות, ואמר:** עס איז דבר בעתו, פירות בפרט [השמחה במעונו], און מען האט פריער גערעדט פון די ישיבה און פונעם עולם, איז דאך פירות בכלל אויך. דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך אין בריאות, מיט די כוחות.

**האדמו"ר מסקווירא:** מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף דעם, און מען בעהט דעם אייבערשטען אויף וואס עס פעלט, זאל צוקומען. איך פרוביר אנצוגיין וואס עס איז שייך.

איך דערמאן אלעמעאל, אמאל חנוכה אויך, אז דער **בני יששכר** אויף חנוכה (כסלו ד-קכט) ברענגט דעם **אזולאי**, יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם, מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף די חסדים ביז יעצט, און דאס איז משפיע אז עס זאל זיין נאך חסדים. ער טייטשט מיט דעם, כי חמת אדם תודך שארית חמות תחגור (תהלים עו-יא), מיט דעם וואס מען דאנקט דעם אייבערשטער אויף וואס עס איז יא דא, ברענגט דאס צו אז די שארית חמת, זאל אויך זיין תחגור, לשון חגורת צפורן, עס זאל אינגאנצן בטל ווערן.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, וברכתיך בכל אשר תעשה, אז מען טוט פאר אנדערע יודען, העלפט דער אייבערשטער פאר זיך אליין.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן כח צו טון פאר אנדערע.

**רבינו:** וקוי ה' יחליפו כח.

דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב.

**האדמו"ר מסקווירא:** בשעה טובה ומוצלחת, מיט נחת, און סייעתא דשמיא בכלל ובפרט.

**רבינו:** איך האב געוואלט מזכיר זיין ...

**האדמו"ר מסקווירא:** איך זאג נישט קיין פשט'לעך, עס איז מיר אמאל איינגעפאלען, דער טאטע ז"ל פלעגט אייביג זאגען, אז בשעת מען מאכט א שמחה, ווערט נשפע פרנסה. דער **אור לשמים** (פרשת תולדות) ברענגט עס אויך, ויעש להם משתה ויאכלו וישתו (בראשית כו-ל). די גמרא (תענית ח:) זאגט, אז עס איז געווען אמאל כפנא ומותנא, און אויף צוויי זאכען קען מען נישט מתפלל זיין, האט מען מתפלל געווען אויף כפנא, למאן יהיב מזונא, לחיי הוא דיהיב. אז מען מאכט א שמחה, און עס ווערט נמשך פרנסה, איז דאך שוין נכלל אין דעם, אז מאן דיהיב מזוני, לחיי הוא דיהיב. - אז מען מאכט א שמחה, זאל זיין לחיי הוא דיהיב אויך, א רפואה שלימה.

**רבינו שליט"א ביקש לראות החדר שהרה"ק מסקווירא זצ"ל הדליק שם המנורה.**

**האדמו"ר מסקווירא:** מען זאגט אז מען וויל זעהן, חסידים טייטשען, יציאת צדיק מן העיר עושה רושם, אז עס בלייבט א רושם.

**רבינו:** איך דערמאן זיך צוריק ווי אזוי מען איז געזעסן. דא איז געווען די טישל, און דער רבי איז געזעסן אזוי, און א גאנצער טיש מיט רבנים זענען געזעצן אזוי ארום דעם טיש (לפני הפארשפיל של האדמו"ר מסקווירא שליט"א).

**וליוה האדמו"ר מסקווירא את רבינו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שבע ברכות רבתי שנערכה על ידי קהלתנו הק' במאנסי, והתקיימה בבית מדרשנו במעמד עם רב, ובהשתתפות רבני העיר שליט"א. במשך שמחת השבע ברכות נאמו **הרה"ג רבי יוחנן האגער שליט"א** מנהל ישיבתנו הק' 'אוצר התורה', **והגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א**.

דברי בדחנות נשמעו מאת הר"ר **שלמה זלמן גראס** הי"ו.